# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Fir Lider / Four Poems

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/5h93020t

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

**Author**
Khosid / Chasid, M

**Publication Date**
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

**מ. חסיד / מאָנטרעאָל**

# לידער

## דאָס אַלטע בשמים-ביקסל

דאָס אַלטע בשמים־ביקסל
מיט זילבער־אָדערן אַרומגעפלאָכטן,
מיט טורעמלעך גיגנאַלדענע,
מיט גלעקעלעך באַקרוינטע —
איז אַן אַנטיק,
אַ מייסטער־אַרבעט
פיליגראַן.

דער זיידע נעמט עס
מיט די שוואַכע הענט,
וואָס דינע בלאָע אָדערלעך
דערטראָגן קוים אַ טראָפּן בלוט צו זיי,
און שטעלט עס הויך
אין שאַפּקעלע אַריין.

ער זעצט דערנאָך אַוועק זיך שטיל
און אין אַ ספר איז ער לאַנג מעיין.
ס'איז אים קשה:
צי האָט ניט רבא, אין זיך, אויך
אַ היפּשן חלק פון אַביי'ען?

ביז פּלוצעם רייסט זיך אויף די טיר
פון דרויסן —
אַ ווינט האָט עמעצן אין שטוב אַריין
מסתם אַריינגעשטויסן.
ס'שאַרט זיך טאַקע איינעם חדרל־מיוחד
באַלד אַריין רב עוזר שמש.
ער האָט, ווייזט אויס, די העזה ניט
צו קומען נאָענט ביז צום זיידנס
דלד אַמות,
הייבט ער אָן פון ווייטנס:

— זייט מיר מוחל, רבי,
נאַר, ס'דוכט זיך אַ סכנה.
שקצים, סאַמע לאַפּיטוטן
זייגען זיך מטמא בפרהסיא.
טוען, אויף צו להכעיס, טועם זיין
פון טשוועקעס און פון חלב.
פּני הדור כפּני הכלב.
ס'אַ סכנה, חס ושלום, רבי,
און כל זמן...
אַנדערש, וואָס־זשע ווענט, חלילה,
גאַר פון אונדז, אַ שטייגער, זיין?

קוים־קוים האָט דער זיידע
זיינע אויגן אויפגעהויבן —
אויגן, ווי מיט טוי באַהויכטע
פרישע, פייכטע טרויבן:
— מיר אַ חידוש,
בפירוש, מיר אויף אייך אַ גרויסער חידוש,
איר זענט דאָך דווקא אַ ייד אַ תלמיד־חכם
און אַודאי אַ בר־דעת —
איז וואָס איז שייך זאָגן?...
איר ווייסט דען ניט אַליין?

צו דער הנהגה דאָרטן אויבן
האָט זיך ביי דעם נייעם דור דאָ
אָנגעקליבן, אַזוי ווייזט אויס,
עפּעס אַ מין גאַר געראָכטער כעס.
אַ ניט, וואָס דען?
אַדרבא, דערקלערט מיר סתם:
עסן חלב האָט אַן אַנדער טעם?
— און דו,
וואָס איך בין ניט דערוואַרט
דיין נאָמען צו דערמאָנען,
אויב ס'איז ביי דיר אין הימל
אַ זכיה נאָך פאַר מיר פאַראַן,
בעט איך, בעט איך מיט הכנעה,
נעם מיך אויכעט, טאַטע,
אין דעם דור אַריין.

## מיין צעהוידלטער וואָגן

יאָגן אין שטורעם
מיין אַלטיטשקן וואָגן
צערייצטע ביינאַכטן
אין ברעג פון פאַרטאָגן.

טרייסלען אַרום מיך,
אין שלאָף, לאַפּיטוטן —
זיי האַלטן אין פליקן
די באָרד פון מיין שאָטן.

ווּהין זאָל איך לויפן?
איך שלינג בלויז אין מיילן
און כאַפּ אין דער לופטן
פאַרבלאָנדזשעטע פיילן.

איך טרעף די חצותן
אין שויס פון בייטאָגן
און קען זיי פון מיר
מיט מיין פויסט ניט פאַריאָגן.

איך הער אין מיין מויל
טוט דער ווינט זיך באַקלאָגן —
ער לאָזט ניט פאַרשטופּן זיך
טיף אין מיין וואָגן.

פאַלט אַ צעחושטער
אַוועק אַ שטיק שאָטן
און שעלט לאַנג די וועלט
מיט אַ ברום פון מיין טאַטן.

## טרערן

טרערן
זיינען אין דעם הימל
ניט קיין טרערן —
ערגעץ
ווערן זיי פאַרפרוירן.

קולות
זיינען ניט
קיין קולות
אויב זיי גרייכן ניט
די אויערן.

מענטש
איז אויך מסתם
קיין מענטש ניט
אָן געוויין
און זמר.

ווינטן בלאָזן בלויז
אויף הפקר.
ברעכן זיך
אַליין
אין
ביימער.

## אַנטלויפער

איך לויף פון איין בעט
אין אַ צווייטן.
איך וויל דאָרטן
אויסמיידן
גאָט.

דער שפּיגל נאָר
לויפט מיר
אַנטקעגן
און לאַכט פון מיר
שיכּור
ווי לוט.

איך לאָז ערגעץ
איבער
די אויגן
און שלעפּ מיט זיך
מיט נאָר
די צונג.